לעאָניד אנדרעיעוו

# דער פּאפּוגאי

(אַ סימבאָלישע פאָרשטעלונג אין איין אַקט)

---

„די וואָראָנע האָט געקאַרקעט:
„קיין מאָל ניט"!

עדגאַר פּאָ.

פרייז 10 סענט.


ליטעראַרישער פערלאַג
ניו־יאָרק
1914

Yiddish Literary Publishing Company, Inc.

256 East Broadway, New York, N. Y.


372

# פערזאָנען:

---

**איינער** א פערזאָן, א גאנץ וויכטיגע.

**טימאָפעעוו** }
**גאווריל‌אָוו** } פערזאָנען, וויינינגער וויכטיגע.

**מענדעל** א פערזאָן גאָר ניט קיין וויכטיגע.

**פאָפוגאי** וועלכער רעדט נאָר איין וואָרט: אידיאָט!

די סצענע ווערט געטהיילט אין 3 טהיילען און די ליכט ווערט ארי־בערגעטראָגען פון איין טהייל אויף דעם צווייטען לויט די ענטוויקלונג פון דער פאָרשטעלונג.

## .1

אויף דער סצענע געפינען זיך: א י י נ ע ר, ט י מ אָ פ ע ע ו ו און ד ע ר פ אָ פ ו ג א י.

א י י נ ע ר: הערט נאָר כ׳לעבען... איך בין באמת צופרידען וואָס איהר זייט געקומען. אויף עהרענוואָרט. איהר הערט?...

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: איך בין איבערגליקליך צו בעגריסען אייער עקסעלענץ.

א י י נ ע ר (פערוואונדערט): יא, איך בין טאקי באמת צופריערען. אָבער, זאָגט מיר, כ׳לעבען, פאר וואָס רופט איהר מיר עקסעלענץ?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: עס רעדט זיך בעסער אזוי, אייער עקסעלענץ.

א י י נ ע ר: זאָנדערבאר: בעסער! אָבער, טאָמער בין איך טאקי באמת... הערט, כ׳לעבען, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: איך וויים נאָך ניט, אייער עקסעלענץ. האָט איהר מיר ניט בעפוילען צו קומען?

א י י נ ע ר: אָ, יאָ! איך דערמאָן מיך דאָך שוין! טימאָפעעוו, פריינד מיינער, איהר האָט נאָך ניט געזעהן מיין פאָפוגאי? א פרעכטיגע שטיקעל סחורה! פאפקא, בעוויז זיך!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: איך האָב נאָך ניט געהאט די עהרע... אָבער וואָס פאר א פרעכטיגער פויגעל, אן אמת׳ער אָדלער!

א י י נ ע ר: ניט אמת? א רייצענדע בעשעפעניש! הערט נאָר, כ׳לעבען. און דער קאָליר און די פארבען איהרע! ניין! אויף עהרענוואָרט, אזא קאָליר, אזוינע רייכע פארבען און אזוינע... אזוינע...

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: גאנץ ריכטיג, אייער עקסעלענץ! אזוינע...

א י י נ ע ר: א וואָרף אריבער, און די פארבען און ווידער אזוינע... און פערקעהרט! טימאָפעעוו! איך וואָלט געזאָגט אז דאָס איז אימפרעסיאָניזם, ניט אמת?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: זעהר מעגליך, אייער עקסעלענץ. זאָגאר ז ע ה ר מעגליך. א וואונדערבארער פויגעל, אן אמת׳ער וואונדער! האָט איהר פיעל בעצאָהלט פאר איהם?

א י י נ ע ר: ניין, ניט אמת? ניט צופיעל... איך וויל איהם פערקויפען, טימאָפעעוו. ניין, הערט זיך איין, כ׳לעבען, איך בין באמת צופריע-

דען, וואס איהר זיינט געקומען. מיר דאכט זיך, אז ביי אייער גרויס בע־קאנטשאפט און טאקי ביי דעם גרויסען איינפלוס, וואס איהר האט אויף די מחות... הערט כ'לעבען, אויף עהרענוואָרט, העלפט מיר ארויס!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : וואס רעדט איהר! יעדערער וועט דאך האל־טען פאר א פערגניגען און א כבוד. אזא פויגעל... יעדערער אין שטאָדט וועט דאך מקנא זיין! דער קאָליר, די פארבען אליין!

א י י נ ע ר  איהר דענקט באמת אזוי?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : אויף מיינע נאמנות! אלע מיינע שכנים, קען מען זאָגען, חלום'ען נאָר וועגען אזא פויגעל.

א י י נ ע ר : דאס איז שוין צופיעל, כאטש... זאָגט מיר, כ'לעבען, הונדערט רובעל וועט ניט זיין צו ווייניג?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : הונדערט? 150 רובעל, עקסעלענץ און א קאָפיקע ניט ווייניגער! פאר אזא אָדלער!

א י י נ ע ר : ניין, בנאמנות, איך בין זעהר צופרידען! פאפקא! דו זעהסט ווי הויך מען שאצט דיר! אָבער עס טהוט מיר באנג... פאפקא, דו וועסט בענקען נאָך מיר?

פ אָ פ ו נ א י : אידיאָט!

א י י נ ע ר : אָבער, אָבער!

פ אָ פ ו נ א י : אידיאָט!

א י י נ ע ר (מיט פערדרוס): ווידער אמאָל? ניין, איהר הערט... בנאמנות, עס איז זעהר טרויעריג.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : איך האָב גאָר נישט געהערט, אייער עקסעלענץ.

פ אָ פ ו נ א י : אידיאָט!

א י י נ ע ר : ניין, איהר הערט? ניין, עס איז דאך שרעקליך, בנאמנות. אזא קאָליר, אזוינע פארבען און מיט אמאָל... אָבער צו דען זיינען דאָ ווייניג אנדערע ווערטער? זאָגט מיר, כ'לעבען, עס זיינען דאך דאָ אנדערע ווער־טער.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : האָט איהר געפרובירט איהם לערנען?

א י י נ ע ר  ניט נור איך, נאָר די ווייב אויך... איך קען דאך פאר איהם ניט דינגען קיין לעהרער. בנאמנות, עס איז דאך שרעקליך!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : מען דארף פרובירען מיט צוקער, אייער עקסע־לענץ.

פ אָ פ ו נ א י : אידיאָט!

א י י נ ע ר : ניין, איהר הערט? איהר זאָגט צוקער, טימאָפעעוו. איך האָב אפילו געפרובירט מיט שאָקאָלאד צוקערקעס; עסט אויף א פונט

און אנשטאט א נאטירליכען דאנק, וויעדער אַט דאָס דאָזיגע וואָרט... אזא צרה, בנאמנות! פערשטעהט מיר, ביי מיר אין הויז זיינען פאראַן: די ווייב, קינדער, עס קומען גאַנץ בכבוד'יגע געסט, און די גאָווערנאַנטקע, אַן עכטע ענגלענדערין... דאָ, פערשטעהט איהר מיר!...

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: עס קענען שוין ארויסקומען אונאַנגענעהמליכ־קייטען. אָבער טאָמער פּרובירען מיט שטרענגע מיטלען?

א י י נ ע ר: שוין געפּרובירט פערדרוקען אין ווינקעל, אָבער גאָר נישט געהאָלפען; שטעקט ארויס די קאָפּ און שרייט וויעדער... אַט דאָס דאָ־זיגע וואָרט. פּשוט משוגע צו ווערען!

פּ אָ פּ ו ג א י: אידיאָט!

א י י נ ע ר (אין פערצווייפלונג): ניין, איהר הערט? אַט אזוי א גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד. כ'לעבען, עס ווילט זיך אמאָל דורכריידען. שרעק־ליך! די טעג איז ביי מיר געוועזען זיין עקסעלענץ, איהר קענט דאָך אונזער גענעראַל, אזא מכובד'יגער זקן; קלוגע קנייטשען, אין זיין בליק עפּעס אזוינס..

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: אַן אמת'ער מלאך פון גוטסקייט און אונשולד! אבער צו האָט דער פויגעל געהאַט די חוצפה?...

א י י נ ע ר: נו, יאָ! מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט האָט דער גענעראַל אויסגעצויגען די האנד א גלעט צו טהאָן און בכלל אויסצודריקען און... ניין, שטעלט זיך נאָר פאָר מיין שרעק! אזא קאָליר, אזוינע וואונדער־בארע פארבען און מיט אמאָל אזא גראָבקייט...

פּ אָ פּ ו ג א י: אידיאָט!

א י י נ ע ר: גראָבער יונג!

פּ אָ פּ ו ג א י: אידיאָט!

א י י נ ע ר: כוליגאַנסטוואָ. איך זאָג אייך כוליגאַנסטוואָ — וואָס?

פּ אָ פּ ו ג א י: אידיאָט!

א י י נ ע ר (היסטעריש): ניין, ניין, נעהמט איהם. טראָגט איהם אוועק. איך קען שוין מעהר ניט אריבערטראָגען. דאָס געלד וועט איהר שפּע־טער ברייננגען... זאָגט מיר, כ'לעבען, עס איז דאָך שרעקליך!

דער פאָרהאַנג פאַלט.

## .2

אויף דער ביהנע זיינען פאראַן: ט י מ אָ פ ע ע ו, ג א ו ו ר י־ל אָ ו ו און דער פּ אָ פּ ו ג א י.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו: מיין מח דאַרט מיר און איך הויב ניט אָן צו וויסען: וואָס טהוט מען מיט איהם! אַט דאָס הייסט אַן אָנשיקעניש פון זיין

ליעבען נאָמען! גאוורילאָוו — גיב אַן עצה, זיי אַ פריינד, אַ חבר, לייג צו קאָפּ!

גאוורילאָוו: גאָר פּשוט: שלאָג אָפּ מיט איהם כפּרות, אַ דרעה פאר׳ן קעפּעל און אַ סוף! אויף די אבילה איז ער דאָך גוט!

טימאָפעעוו: מיט אזא קאָליר? אָט האָבטו אַן עצה!... האָסטו געזעהען דעם קאָליר?

גאוורילאָוו: וואָס טויג מיר דער קאָליר! רוף אַ פאַרבער וועט ער פאַר אַ האַלבען רובעל דיר אַליין נאָך שעהנער צופאַרבען.

טימאָפעעוו: מיר דאַרף מען ניט פאַרבען, ברודערל, איך בין אַזוי אויך ניט צו פערזינדיגען, אָבער דיר וועל איך אָנרייבען אַ מאָרדע אַז דו וועסט מיר געדענקען; וואָס פאַר אַ חכם דו ביזט דאָס: אויף כפּרות. נו, און מיינע 150 רובעל, ווער וועט מיר בעצאָהלען? דו וועסט בעצאָהלען?

גאוורילאָוו: איך? פאַר וואָס? דאָס האָט גאָט דיך געשטראָפט, ניט מיר.

טימאָפעעוו: וואַרט נור אביסעל: ער וועט דיר אויך בעשטראָפען, און ווי נאָך בעשטראָפען, פאַר דיין שטיינערנע הארץ. אַ ברעקעל מיטגעפיהל ניט צו האָבען! אָ, דאַמאָלסט וועסטו זיך אביסעל קראַצען. אָבער וואָס זאָל איך מיט איהם, דעם שד, פאָרט טהאָן? איך האָב שוין אויסגעפּרובירט אַלערליי וועגען: אי פון דער זייט, אי פון יענער, זיך געלאַשצעט, כיט לעבערלעך איהם, דעם גרינעם שד, געקאָרמעט — עס העלפט ניט: ער האַלט אַלץ אין איין האַקען!

פּאָפּוגאי: אידיאָט!

טימאָפעעוו: האָסט געהערט?

גאוורילאָוו: געהערט. וועמען מיינט ער עס?

טימאָפעעוו: גיה צום טייוועל, וועמען? איך שלעפּ איהם אַהיים אויף אַ דראָזשקע און קען פון שאַנדע די אויגען ניט אויפהויבען און דער פוהרמאַן, דער לץ, פרעגט נאָך: מיט וועמען זיצט איהר דאָס, פּריצ׳ל? איך האָב איהם שוין אויסגעטייטשט אַזוי אַז ער זאָל פאַרשטעהן... אָבער, איך האָב דאָך נאָך זיין רוקען נאָך דערקענט, וואָס ער מיינט!

פּאָפּוגאי: אידיאָט!

גאוורילאָוו: האָב געהערט. אַ גאַנץ קלאָהרער קול, זאָגאַר מיט אַ טראָפּ...

טימאָפעעוו: גיה צום שוואַרץ יאָהר! איך פרעג ביי דיר ווי ביי אַ חבר און דו קרימסט זיך און לאַכסט זיך. אויב דו ביזט נאָך בייז צוליעב די געשיכטע מיט׳ן ביליאַרד, איז עס דאָך נאַריש און ניט

שעהן. מען דארף איינע די אנדערע העלפען און ניט אינטריגירען! שעהם זיך, גאווריליאָוו, אויף נאמנות!

ג א ו ו ר י ל אָ ו ו : נו־נו, זאָלען מיר א טראכט טהאָן. פארקויף איהר צום סוחר אבדולאָוו.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : ווענגען אבדולאָוו'ן האָב איך שוין אויך געטראכט... געוויס, מיט אזא קאָליר אוועקשטעלען אויפ'ן קאנטאָר — עס וועט דאָך זיין א מחיה. עס הויבט אָן זאָגאר אין די אויגען צו שווינדלען. מילא, וואָס זאָל מען שוין רעדען! דאצו נאָך אזוי צו זאָגען צום צוועק פון א פּראָגרעסיווער רעקלאמע, נעהמענדיג אין אנבעטראכט...

פ אָ פ ו ג א י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : האָסטו געהערט? אָט דאָס איז א פּאָדלער פויגעל! פּרוביר נאָר איהם אוועקשטעלען אויפ'ן קאנטאָר — וועט צו־טרייבען אלע קונדען, דו וועסט אליין אנטלויפען!

ג א ו ו ר י ל אָ ו ו : ווּעמען ווילט זיך דאָס הערען! דאָס איז אמת. — מען האָט איהם ווּעניג קלעפּ געגעבען.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : וואָס זאָל איך דיר זאָגען? אראָפּגעהענדיג פון דראָשקע, האָב איך געפּרובירט מיט א רוט — אָבער וואָס האָט עס גע־האָלפען? איך גיב איהם איינס — ער ענטפערט דעם וואָרט; א צווייטען מאָל — דאָס זעלבע; איך גיב איהם 10, ער מיר ענטפערט 20 — ביז איך האָב געמוזט אויפהערען. אָבער וואָס פאר א פּאָדלער פויגעל דאָס איז — איך פערשטעה ניט אויף עהרענוואָרט, א פּשוט'ער רעטעניש פון שיקזאל: פאר וואָס עפּעס „אידיאָט"?

פ אָ פ ו ג א י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : האָסטו געהערט? ניין, ערקלעהר דו מיר, גאוו־ריליאָוו, דו ביזט דאָך א קלוגער, פאר וואָס זאָגט ער ניט קיין אנדערע ווערטער?

ג א ו ו ר י ל אָ ו ו : ער קען ניט. די האָלז איז ביי איהם אזוי שוין געבויט. אָט ביי דיר, טימאָפעעוו, איז די האָלז א רונדע און אָט אזוי, א גלייכע, ווי א טרובע פון א סאמאָוואר — פארשטעהסטו? און ביים ענדע א קנייטש, דערפאר קענסטו אי אהין אי אהער. אָבער ביי איהם איז די האָלז אָט אזוי ווי א דרייעק...

פ אָ פ ו ג א י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : האָסטו געהערט? דאָס איז ער שוין דיר מכבד, א חכם, א שר!

ג א ו ו ר י ל אָ ו ו : וואָס איז דען די חכמה אזוי גרויס? ער זאָגט דאָך דיר אויף דאָזעלבע.

ט י מ אָ פ ע ו ו : דאָס פרעג איך דאָך: פארוואָס? עס זיינען דאָך דאָ אויף דער וועלט אויך אנדערע ווערטער, איידעלע, אנגענעהמע — צי פעהלען דען אַזוינע? איך האָב דאָך קיין הויכע בילדונג ניט בעקומען, בין בכלל ניט קיין גרויסער בעל דברן, פון דעסטוועגען וויים איך אויך פיעלע... קרוינעלע, למשל! אויב דאָס ניט, טו זאָג: חכם! איידעלמאַן!

ג אַ ו ו ר י ל אָ ו ו : העלד, צום ביישפיעל.

ט י מ אָ פ ע ו ו : העלד איז אויך אַ גוט וואָרט. מען דארף דאָך אנערקענען פערדיענסטען, ווי זאָגט מען עס: די ליכטיגע ערשיינונגען פון לעבען, בכלל עפּעס אַזוינס... דו פערשטעהסט דאָך. העלד — יאָ דאָס איז גאַנץ שעהן. אָדער צום ביישפיעל: פּארשוין! יעדער טשינאָווניק וועט דאַן קויפען! און ווער רעדט שוין פון טשינאָווניקעס — יעדען איינעם איז אנגענעהם; ווען וועסטו נאָך הערען אַ גוט וואָרט פון מענשען — דאָ אָבער, דו זעצט זיך אריין אין פוטעל, דו פאררויכערסט אַ פּאפּיראָסל און די הערסט. און מען וואָלט דאָך דיך האָלט געהאַט, שד איינער! און ווי נאָך האָלט געהאַט! אויף די הענד וואָלט מען דיך ארומגעטראָגען! אַ פערדערל וואָלט מען ניט געלאָזט פאַלען!

פ אָ פ ו ג אַ י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ו ו : שווייג, שד איינער!

פ אָ פ ו ג אַ י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ו ו : פּאָדלער פויגעל דו! ווען ניט דיין קאָליר, וואָלט איך דיר שוין געוויזען ווער עלטער איז!

פ אָ פ ו ג אַ י : אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ו ו : ווער פערשטומט!

ג אַ ו ו ר י ל אָ ו ו (ארויסגעהענדיג פלוצלונג פון די כלים): ווער פערשטומט!

פ אָ פ ו ג אַ י : אידיאָט! אידיאָט!!

ג אַ ו ו ר י ל אָ ו ו (שרייט): ווער פערשטומט!!

ט י מ אָ פ ע ו ו : וואַרט גאַוורילאָוו! שריי ניט אַזוי. עס וועט נאָך זיין ערגער, ווען מען וועט זיך צוזאמענלויפען. וואַרט, וואו איז דאָ אַ טיכעל... פוי, דו שד איינער!! וואו איז דער טיכעל?

פ אָ פ ו ג אַ י אידיאָט!

ג אַ ו ו ר י ל אָ ו ו (שרייט): ווער פערשטומט!!

ט י מ אָ פ ע ו ו : שטילער! אָט איז דער טיכעל. נו, זיץ אין דער פינסטערניש — זיץ, שד איינער. שפּאר ארײן פון יענער זייט. זאָל גאָט בעהיטען, אויב דו וועסט לאָזען אַ שפּאַלטעלע — אָט אַזוי, אַזוי! אי, דאָס הייסט אַ פּאָדלער פויגעל!

ג א ו ו ר י ל א ו ו : איך וואלט...

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : שריי ניט אזוי. קענסט ניט ריידען שטילער? צושריען זיך. (שטיל) נו?...

(דער פאָרהאַנג פאַלט.)

.3

אויף דער ביהנע זיינען פארהאן: ט י מ אָ פ ע ע ו ו , מ ע נ ד ע ל און דער פ אָ פּ ו ג אַ י . שפּעטער קומט צו מ ע נ ד ע ל ׳ ס ו ו י י ב .

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : גוט מאָרגען, מענדעל! נו, ווי געהן די געשעפטען — דו דרעהכסט זיך? (ווישט אָפּ דעם שוויים) און א וואָהנונג האָסטו — אלץ ווי׳ס בעדאַרף צו זיין?

מ ע נ ד ע ל : גוט מאָרגען, הערר טימאָפעעוווו. וואָס פאר א כבוד פאר מיר! זעצט זיך, איך בעט אייך. ווילט איהר וואָס צובייסען? א טרונק טהאָן? עפּעס איז מיר טרוקען געוואָרען אין האַלז!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : עס ווילט זיך עפּעס ניט. נו, ווי זיינען די געשעפטען? מאכסט א לעבען?

מ ע נ ד ע ל: צו קען מען דאָס רופען א לעבען? באַהיט גאָט, איך בעקלאָג זיך ניט — איך זאָג עס סתם אזוי. איהר זאָגט, איך זאָג און אָט האָט איהר א געשפּרעך.

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : האָסטו געזעהן?

מ ע נ ד ע ל : אי ס׳אַרא פויגעל! גאָר ניט קיין פויגעל, אַן אויסגענאָסענער אָדלער!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו (זיך חנ׳דלענדיג) אַן אָדלער! און דעם קאָליר זעהסטו? — אָט דאָ גלאַנצט, דאָ בלאַסקעט; אַן אמת׳ער פּראַכט.

מ ע נ ד ע ל : עס ווילט זיך גאָר אויסשרייען: וואָס פאר א פּראַכט! וויפעל האָט איהר בעצאָהלט דאפיר?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : קויף!

מ ע נ ד ע ל : אָט דאָס איז א חכמה. עס ווילט זיך זאָגאַר שרייען: צו וואָס דאַרף איך א פּאָפּוגאַי! איך האָב אייגענע פּאָפּוגאַיען אכט שטיק, דערצו נאָך א ווייב און אלעמען דאַרף מען געבען עסען — און איך גיב זיי דאָך עסען!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : און דער קאָליר? גיב נאָר א קוק אויף׳ן קאָליר — וועסטו שוין זיך ניט וואַרפען. וואו האָסטו אזא קאָליר געזעהן? א גאַנץ לעבען וועסטו אזוינס ניט אַנזעהן. אָט דאָ אויפ׳ן פענסטער וועל איך איהם

אוועקשטעלען — א פראכט! די פארבייגעהער וועלן זיך וואונדערן: פון וואנען האט מענדעל אזא וואונדערבארען פויגעל בעקומען.

פ א פ ו ג א י : אידיאט!

מ ע נ ד ע ל : אי! ווער רעדט דאס אזוי? דער פויגעל?

ט י מ א פ ע ע ו ו : יא, ער! ער רעדט נאך אויך. דאס רעדט ער צום פארבייגעהער וואס האט זיך פארקוקט.

מ ע נ ד ע ל : ער וועט ריידען, און ביי מיר וועט מען די פענסטער אויסברעכען! ערלויבט נור, איך וועל איהם אוועקשטעלען אויפ'ן טיש. אזוינע קלוגע פויגלען טאר מען אויפ'ן פענסטער ניט האלטען, הערר טימאפעעוו, איהר ווייסט עס אליין. און וואס איז מכח א צוביים?

ט י מ א פ ע ע ו ו : קויף, מענדעל! איך וועל דיר אומזיסט אוועקגעבען. שוטה איינער! איך וואלט איהם פאר טויזענדער ניט אבגעגעבען; אבער איך בין א פערנומענער מענש און קום ניט אהיים צו אפט, און דא די קינדער, קעץ... קויף!

מ ע נ ד ע ל : אזוינע חכמות געפעלען מיר גאר ניט. איך האב פיינט אזוינע וויצען!

ט י מ א פ ע ע ו ו : דו לויף ניט ארום, שטעה און הער: איך גיב דיר אוועק פאר אומזיסט! פאר הונדערט און צוואנציג!

מ ע נ ד ע ל : 120, איך הער, נאר וואס אזוינס הער איך ניט! אפשר 120 רובעל און אפשר גאר 120 ארשין פון מיינע קישקעס. און אדרבה פארוואס ניט קיין קישקעס? פארוואס ניט קלאפטער? פארוואס...

ט י מ א פ ע ע ו ו : שטעה אקארשט — ווי דאס לויפט ארום! קויף נאר, נאכהער וועסטו מיר דאנקען. האסטו געזעהן דעם קאליר?

מ ע נ ד ע ל : א קאפיקע וועל איך ניט געבען! זאל זיך זיין קאליר און איך וועל מיר בלייבען מענדעל. א גראשען וועל איך ניט געבען, איהר מעגט מיר אפילו צורייסען.

ט י מ א פ ע ע ו ו : מענדעל!

מ ע נ ד ע ל : וואס?

ט י מ א פ ע ע ו ו : מענדעל!!

מ ע נ ד ע ל : וואס מענדעלט איהר? צו וואס נאך איבער'חזר'ן: מענדעל, מענדעל. — מענדעל איז שוין גרייט צו געבען 25.

ט י מ א פ ע ע ו ו : מענדעל!

מ ע נ ד ע ל : נו, מענדעל גיט שוין 60. איהר וועט דאך באלד ווידער זאגען?

ט י מ א פ ע ע ו ו : מענדעל!!

מ ע נ ד ע ל : נו, באלד וועט מענדעל שוין זיין גרייט 120 צו געבען און 150...

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : מעהר דארף מען ניט. מענדעל ! ! !

מ ע נ ד ע ל : בין גרייט אויף 120. שוין געקויפט. ווער ווייס רען ניט, אז מענדעל האָט שוין לאנג געוואָלט האָבען א פּאָפּוגאי? ווער ווייס רען ניט אז מענדעל קען ניט לעבען אָהן א פּאָפּוגאי? אז מענדעל איז גרייט די קישקעס זיינע אויפ'ן פּארקאן אויפצוהייננגען, אבי נור א פּאָפּוגאי צו האָבען! נו, האָט שוין מענדעל א פּאָפּוגאי געקויפט. וואָס?

פּ אָ פּ ו ג א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : אָט דאָס הייסט א קלוגער פויגעל! דאָס זאָגט ער אז מענדעל איז א אידיאָט!

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : אָט דאָס איז א שד! מיינע אויערן קענען ניט הערען זיינע רייד. נו, זיי געזונד, מענדעל, זיי ניט בייז, איך וועל מאָרגען קומען נאָך די געלד.

מ ע נ ד ע ל : פאר וואָס ניט היינט? און פאר וואָס ניט נעכטען? מענדעל איז שוין לאנג געבאָרען געוואָרען, און דער פּאָפּוגאי איז שוין אויך לאנג געבאָרען געוואָרען, און די געלד איז שוין אויך לאנג געבאָרען געוואָרען. פארוואָס ניט נעכטען?

ט י מ אָ פ ע ע ו ו : בייזער זיך ניט, דו וועסט נאָך פּילייכט וועמען עס איז איהם פארקויפען. דעם קאָליר האָסטו געזעהן? איך האָב אליין אויך פערלאָרען געלד דערביי. אַך! זיי געזונד!

מ ע נ ד ע ל : צום ווידערזעהן, הערר טימאָפּעעוו! שוין אוועק? די נכפה זאָל דיר כאַפּען! ער איז אוועק און דער פּאָפּוגאי איז געבליבען; און דאָס הייסט: מענדעל האָט א פּאָפּוגאי געקויפט! ווען איך וואָלט 100 יאָהר געטראַכט, וואָלט איך זיך צו אזוינס ניט דערטראַכט, אין חלום אפילו האָב איך אזא זאַך ניט געזעהן!

פּ אָ פּ ו ג א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : איך האָב שוין געהערט, גענוג זאָל עס זיין!

פּ אָ פּ ו ג א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : איך זאָג דיר: גענוג! דו גרינער אידיאָט איינער. עס קלינגט מיר שוין אין די אויערן און אז דו וועסט מיר עס נאָך אָנהייבען איבער'חזר'ן, וואָס וועט דאַן פון מיר זיין? איך דארף דיר נויטיג — דו גרינער אידיאָט איינער! אָבער, אז ער זאָגט: מענדעל! וואָס זאָל איך דאַן טאָן? דאַן וועל איך א העלפאנד אויך קויפען! דאַן וואָלט איך א טיגער אויך קויפען און זאָל ער מיר אויפפרעסען. וואָס?

פ אַ פּ ו נ א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : און דו אַליין ביזט אַ חכם! יואָס זאָל איך טהאָן? איבער די גאַסען לויפען און שרייען קאַראַאול? דו גרינער אידיאָט איי־נער! אָדער זאָל איך נעהמען אָט דעם ביקס און שיסען טימאָפּעעוו'ן: פּיף! פּאַף!

פ אַ פּ ו נ א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : געגוג שוין, זאָג איך. איך וועל ניט קוקען וואָס דו ביזט אַ פויגעל, און וועל אויך זאָגען...

ד י ו ו י י ב (אַריינגעהענדיג): וואָס ביזטו אַזוי היימליך, מענ־דעל? דו שרייסט אַזוי, אַז די שויבען שאָקלען זיך... אָבער וואָס פאַר אַ שעהנער פויגעל! קינדער, קומט אָנקוקען וואָס פאַר אַ שעהנער פויגעל!

פ אַ פּ ו נ א י : אידיאָט!

ד י ו ו י י ב : וואָס פאַר אַ וואונדער! ער זאָגט דאָך: אידיאָט. מענדעל האָסטו געהערט? קינדער! קינדער!

מ ע נ ד ע ל : רוף ניט די קינדער! טרייב זיי פון דאַנען! אָדער ביזטו שוין אַזוי נאַריש, אַז דו זעהסט גאָר נישט: מענדעל האָט דאָך אַ פּאַפּוגאַי געקויפט פאַר 120!

ד י ו ו י י ב : קינדער, צוריק! אָי, וועה איז מיר! מענדעל, דער־הרג'ע שוין מיט איין מאָל!

מ ע נ ד ע ל : רובעל — נו, און וואָס האָסטו אויף מיר די אויגען אויסגעשטעלט?

ד י ו ו י י ב : אידיאָט!

פ אַ פּ ו נ א י : אידיאָט!

מ ע נ ד ע ל : גענוג זאָל שוין זיין! שוין געהערט. דאָס איז דאָך גאָר ניט קיין פויגעל, עס איז דאָך אַ טייוועל!

פ אַ פּ ו נ א י : אידיאָט!

ד י ו ו י י ב (וויינט): אידיאָט!

(דער פאָרהאַנג פאַלט)